בס״ד

# עונג שבת

## פרשת כי תשא תשס״ו

גוט שבת אלע אידן. רב אברהם ברוין שליט״א איז דער מנהל פון ישיבת אור שמח, א ישיבה פון בעלי תשובה אין מאנסי. ער איז אמאל ארויסגעקומען פון דער ישיבה גייענדיג צו א שמחה, ווען ער האט באמערקט א מוטורסייקעל אין די ישיבה׳ס פארקינג לאט. כאטש עס זענען דא אלע מיני בחורים וועלכע לערנען אין אור שמח, אבער עס איז נאך אלס געווען אינטערעסאנט פאר רב ברוין צו זען אזא זאך, ווייל ער האט געהאלטן א פונקטליכע חשבון פון אלע תלמידים אין ישיבה, און ער האט נישט געדענקט אז עס איז דא א בחור וואס פירט א מוטורסייקעל. רב ברוין האט זיך זייער געיאגט צו פארן צו דער שמחה, וועגן דעם האט ער נישט געקענט מברר זיין וועמען׳ס מוטורסייקעל עס איז געווען.

א פאר שעה שפעטער איז אלעס קלאר געווארן. ווייל ווען רב ברוין איז צוריקגעקומען פון דער שמחה צו דער ישיבה, האט ער באמערקט ווי א מענטש האט געהאלטן אינמיטן ארויפגיין אויפ׳ן מוטורסייקעל. רב ברוין איז אהין געלאפן צו פרעגן דעם מענטש ווער ער איז. עס איז אויסגעקומען אז דער מענטש איז געווען א בחור פון ישיבת אור שמח מיט זעקס יאר פריער. רב ברוין האט געדענקט דעם בחור, ער האט געהייסן ”יוסי.“

”שלום עליכם יוסי,“ האט רב ברוין געזאגט מיט א פרייליכקייט. די צוויי האבן געשמועסט אביסל. יוסי האט דערציילט פאר רב ברוין אז ער איז צוריקגעקומען ווייל ער האט זיך געבענקט נאך זיינע טעג אין דער ישיבה. וועגן דעם האט ער געוואלט לערנען אביסל דארט, און ער האט אויך געוואלט זיך טרעפן מיט זיינע חברים פון דעמאלט ווען ער האט געלערנט אין די ישיבה. וויבאלד די שעה איז שוין געווען שפעט ביי נאכט, האבן די צוויי געזאגט איינעם צום צווייטן ”א גוטע נאכט.“ רב ברוין האט אים אנגעוואונטשן הצלחה, וכו׳. נאך פאר יוסי איז אוועקגעפארן פון מאנסי צו פארן אין שטאט אריין, האט ער געגעבן אביסל צדקה פאר די ישיבה. באלד דערנאך איז יוסי געווען אויף זיין וועג אהיים אין שטאט.

א וואך שפעטער איז רב ברוין געזיצן אין זיין אפיס אין די ישיבה ווען ער האט באקומען א טעלעפאן קאל פון איינעם. ”דא רעדט יהודה גאלדבערג (נישט זיין עכטע נאמען)“ האט דער מענטש אנגעהויבן צו רעדן אויפ׳ן טעלעפאן. ”לעצטע וואך מיטוואך נאכט האט איינער מיטן נאמען ׳יוסי׳ אייך באזוכט אין ישיבה.“

”יא,“ האט רב ברוין אים געענפערט מיט א שרעק, ”איז עפעס געשען צו אים?“ האט רב ברוין געפרעגט. ”ער גייט זיין אי״ה בסדר...“ האט דער מענטש אנגעהויבן צו זאגן, ”אבער לעצטע וואך יענע נאכט האט ער געהאט א שרעקליכע אקסידענט, ל״ע. א ”ווען“ וואס איז געפארן צו שנעל האט אריינגעקראכט אין יוסי׳ס מוטורסייקעל פון הינטער אויפ׳ן דגשארדגש וואשינגטאן ברוק. עס איז ממש געווען נסים, אז יוסי האט ”נאר“ צעבראכן א פאר ריקען ביינער, און איין פוס איז געשעדיגט געווארן. אבער, ער איז ב״ה א גליקליכער מענטש ווייל רובא דרובא מענטשן אויף מוטורסייקעלס שטארבען פון אזעלכע עקסידענטס! איך בין געווען אין שפיטאל אויף ביקור חולים ווען איך האב געטראפן יוסי. ער האט מיך געגעבן דיין נאמבער.“ האט רב גאלדבערג געענדיגט דערציילן פאר רב ברוין אויפ׳ן טעלעפאן. רב ברוין האט גענומען יוסי׳ס נאמבער אין שפיטאל און ער האט אים באלד דערנאך אנגערופן צו הערן ווי אזוי ער פילט.

”דא רעדט רב ברוין, וואס טוט זיך יוסי?“ האט רב ברוין געפרעגט. ”עס איז אומגלייבלעך, עס איז אומגלייבלעך,“ האט יוסי געזאגט מיט א שוואכע שטימע צוליב זיין מצב. ”זיי גלייבן נישט אז א מענטש קען דורכלעבן אזא עקסידענט. איך בין געפלויגן זייער ווייט, איך ווייס נישט ווי ווייט, אבער א גוטע פאר פוס...“ רב ברוין איז שטיל געבליבן א פאר סעקונדעס און נאכדעם האט ער געזאגט פאר יוסי, ”דו געדענקסט דעם לעצטן זאך וואס איך האב דיך געזאגט יענע נאכט פאר דו ביסט אוועקגעפארן?“

”ווען... מיטוואך נאכט? יא, איך געדענק, איר האט מיך אנגעוואונטשן א ברכה.“ האט יוסי געזאגט. און וואס האסטו געטון דעמאלט?“ האט רב ברוין געפרעגט יוסי. ”איך האב דיך געגעבן צדקה.“ האט יוסי געזאגט.

”געגרעכט, צדקה תציל ממות!“ (מדרש משלי פרק יא, סימן א) האט רב ברוין געזאגט פאר יוסי פלא׳דיגעהייט. די נאכט איז רב ברוין געפארן באזוכן יוסי אין שפיטאל. אין שפיטאל איז רב ברוין געוואויר געווארן אפאר אנדערע פרטים וועלכע האבן געמאכט די מעשה נאך מער פלא׳דיק.

די ענין פון ”צדקה תציל ממות“ איז דאך מרומז אין דער וואכעדיגער סדרה. ווייל די ווארט ”מחצית“ טיילט אפּ די אותיות ”מת“, ווען אינמיטן איז דא די אותיות ”חצי“, ד״ה, דורך די חצי השקל פון צדקה ווערט בטל די כח פון מיתה. וועגן דעם, ווען איינער גיבט צדקה, האט ער א כח צו מבטל זיין מות. די הייליגע תורה, חז״ל, אין די ספרים הקדושים האבן אלע מפליא געווען אין די כח פון געבן צדקה. מ׳זעט עס אין די היינטיגע פרשה, ווי די ”מחצית השקל“ ווערט אנגערופן ”כופר נפשו.“ עס מיינט צו זאגן אז צדקה האט א כח צו מכפר זיין אויף א איד אויף זיינע חטאים. אז אפילו עס קומט פאר איינעם עפעס א שלעכטס רח״ל אין זיין לעבן, קען ער זיך ראטעווען דורך געבן צדקה וואס איז א בחינה פון ”כופר נפשו.“ איז לאמיר יעצט ענדיגען די מעשה וואס ווייזט אויף א מורא׳דיגע אופן דעם כח פון צדקה...

...די נאכט איז רב ברוין געפארן צום שפיטאל מקיים צו זיין דעם מצווה פון ביקור חולים. ווען רב ברוין איז אריינגעקומען אין אין שפיטאל, האט ער געטראפן יוסי אין זיין צימער, ליגען אין בעט וויינענדיק. ”אוי, רב ברוין, יישר כח פארן קומען.“ האט יוסי געזאגט מיט התרגשות, אנשטרענגענדיג אויפצוזעטצען זיך אין בעט. רב ברוין האט באמערקט אז יוסי האט געהאלטן פאפירען אין זיין הענט. ”פארוואס וויינסטו?“ האט רב ברוין געפרעגט מיט א זיסקייט פון א טאטע׳ן צו זיין זון.

איך האב יעצט באקומען דעם פאליס ראפורט פונעם עקסידענט.“ (ווען עס געשעט ל״ע אן ערנסטע עקסידענט טוט די פאליציי חוקר זיין און שרייבן וואס איז געשען.) ”זיי שרייבן דא אז זיי האבן געטראפן ביים עקסידענט שטיקלעך פון מיין מוטורסייקעל אינטער דעם ווען וואס האט אריינגעקראכט אין מיר, און אנדערע שטיקלעך פון מיינעם מוטורסייקעל האבן זיי געטראפן אויסגעשפרייט ביז 192 פוס אויפ׳ן דגשארדגש וואשינגטאן ברוק. וואס איז איבערגעבליבן פון מיין העלמעט האבן זיי געטראפן אין דעם ”ווינשיעלד“ פונעם ווען. אפילו די גוי׳אישע פאליציי זאגן אז עס איז א נס.“

”איך וויל דיר נאך עפעס זאגן.“ האט יוסי דערציילט ווייטער. ”12 יאר צוריק, פאר איך האב געלערנט אין אור שמח, האב איך געלערנט אין אן אנדערע ישיבה. די ישיבה האט געמאכט א דז׳ארנעל. און לעבן מיין נאמען האבן זיי געשטעלט דעם מאמר חז״ל ”צדקה תציל ממות! ווייסט איר וואס, ווייל איך בין געווען דער גבאי צדקה צווישן די בחורים.“

”פארוואס דווקא די מאמר חז״ל?“ האט רב ברוין געפרעגט. ”ווייסט איר פאר וואס?...“ האט יוסי געזאגט מיט א קוק אויף זיין באנדאזשירט פוס, ”איך האב אויך נישט פארשטאנען פארוואס דווקא די מאמר חז״ל... ביז היינט!“ (פון ”חזויות של גדלות“, רב יוסף ווייס שליט״א – לעיקוואוד, כרך ו, עמ׳ קסה)

איז לאמיר זיך מחזק זיין אין דעם ענין פונעם געבן צדקה מיט א יד רחבה. און לאמיר געדענקען אז צדקה איז א ”כופר נפש,“ ד״ה דורך צדקה קענען מיר זיך מכפר זיין. דעמאלט קענען מיר אלץ זוכה זיין צו אלע ברכות און הבטחות וועלכע דער אייבערשטער האט צוגעזאגט צו א בעל צדקה. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה״ר חיים יעקב צבי גרויס לרגל שמחת נשואי בתו בשעטומ״צ

נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח״י

לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו** (שבת קיח:) - **נא לעיין דף זה לאחר התפילה**